בחצרות סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

יום א' | פ' שופטים | כ"ח אב | תשע"א | פסחים: פ"ע:

# באריכט:

דאנערשטאג אינדערפרי האט מרן רבינו שליט"א געדאווענט שחרית אין היכל ישיבה קטנה קרית יואל – חלק פון הר"ר חיים אליעזר דאווידאוויטש שליט"א ווי דער רבי שליט"א האט געלייגט תפילין פאר הבחורים חתני הבר מצוה, בן מוה"ר נפתלי כ"ץ הי"ו פון וויליאמסבורג, הב' בן מוה"ר חיים סופר הי"ו פון קרית יואל, און הב' בן מוה"ר שמעון אברהם ראטה הי"ו פון קרית יואל.

נאכ'ן דאווענען איז פאהרגעקומען דער ברית לבן הנולד להר"ר חיים אליעזר דאווידאוויטש שליט"א מנהל, ווי דער רבי שליט"א איז געווען סנדק און מוהל. דערנאך איז פאהרגעקומען א מסיבת לחיים ווי דער רבי שליט"א האט משמיע געווען דברות קודש, בדברי התעוררות לחודש אלול און סיום הזמן.

•

פון אווענט אהן האבן טויזענטער אידן פון אלע שיכטן און קרייזן און אלע עקן און געגנטער, אנגעהויבן צו שטראמען מאסנווייז צום ציון המציונת קודש הקדשים פון מרן רביה"ק בעל דברי יואל זצוקלה"ה וועמענס יארצייט עס איז אצינד געפאלן.

ביים זמן האט דער רבי שליט"א געדאווענט מעריב בביתו נאוה קודש ווי דער רבי שליט"א האט געצינדן ליכט און געדאווענט פאר'ן עמוד, און דאן איז דער רבי שליט"א אריינגעקומען צום שלחן הטהור אין ביהמ"ד הגדול ווי עס זענען שוין געווען פארזאמעלט א ריזן ציבור תלמידים וחסידים וועלכע זענען געקומען מיטהאלטן דעם געהויבענעם טיש בצל הקודש פון ממלא מקומו מרן רבינו הגה"ק שליט"א.

ביי דעם געלעגנהייט האבן טויזענטער אנ"ש געשטיצט די הייליגע ישיבה שהושיבו על קברו, וועמענס יערליכע מגבית עס איז אפגעהאלטן געווארן ביים צענטראלן סעודת הילולא ווי יאהר יערליך.

בעפאר דער רבי שליט"א איז אריינגעקומען צום טיש, האט הרה"ח ר' אהרן בינער הי"ו אויפגעטרעטן מיט זכרונות, עובדות וסיפורים פונעם גרויסן בעל הילולא זי"ע.

ביי טיש האט מען געזינגען ניגוני התעוררות, און מיט מכתם לדוד האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הרה"ג ר' חיים יוסף ווערצבערגער שליט"א מהוניאד, בן הרה"ח המנוח ר' יקותיאל הערש ז"ל וועמענס חזקה עס איז געווען אלע יאהרן און איז היי יאהר נפטר געווארן לה"ה.

א שטילקייט האט געהערשט אין ביהמ"ד בשעת ווען דער רבי שליט"א האט אנגעהויבן דברות קדשו, - ווי דער רבי שליט"א האט זיך געשטעלט אויפ'ן פסוק ראה אנכי נותן לפניכם היום ברכה, און אויסגעטייטש בדרך אגדה ארומרעדנדי'ג פון די מעלת הצדיקים און די קדושה פון מקום מנוחתם.

דערנאך האט דער רבי שליט"א מעורר געווען בעניני צניעות און וועגן די אלע טמא'נע טעכנאלאגישע כלים אין וואס מען איז היינט פארפלאגט אין דעם גלות אמעריקא, ווי דער רבי שליט"א האט מאריך געווען בדברי מוסר.

דאן האט דער רבי שליט"א געבענטשט געווען על הכוס ברכת המזון.

פרייטאג ערש"ק אינדערפרי ביומא דהילולא, איז אין ביהמ"ד הגדול פאהרגעקומען דער ברית לבן הנולד לר' שמעון ישראל הורוויץ הי"ו פון וויליאמסבורג.

דאן איז דער רבי שליט"א ארויף אין ישיבה גדולה ווי עס זענען געווען פארזאמעלט טויזענטער בחורים פון אלע ישיבות הקדושות און קעמפ'ס, צו דאווענען אינאיינעם מיט'ן רבי'ן שליט"א ביומא דהילולא קדישא.

דער רבי שליט"א האט געלייגט תפילין פאר הבחורים חתני הבר מצוה, הב' בן מוה"ר שמואל אליעזר טייטלבוים הי"ו פון בארא פארק, און הב' בן מוה"ר וואלף פארקאש הי"ו פון קרית יואל. דאן האט דער רבי שליט"א געדאווענט פאר'ן עמוד לרגל די הילולא קדישא פון דודו מרן רביה"ק זי"ע.

ארום 15 מינוט נאכ'ן דאווענען איז דער רבי שליט"א אריינגעקומען צום סיום הש"ס ומסיבת לחיים אין היכל ישיבה גדולה, ווי דער רבי שליט"א האט געמאכט די הדרן, און נאך אמירת קדיש האט דער רבי שליט"א געוואונטשן לחיים און דאן מאריך געווען בדברות קודש ודברי התעוררות אלס הכנה צום עלי' לציון הק'.

דער רבי שליט"א האט זיך דערביי געשטעלט אויפ'ן פסוק אין תהלים וחסד ה' מעולם ועד עולם על יראיו וצדקתו לבני בנים, אויסטייטשנדיג בדרך אגדה אז אין טאג פון א יומא דהילולא האט דער צדיק א שייכות צו ביידע עולמות.

דער רבי שליט"א האט דערנאך מעורר געווען די בחורים אויף די הכנה פאר מען גייט ארויף צום ציון, ובתוה"ד האט דער רבי שליט"א דערציילט א מעשה וואס ער האט געהערט פון בעל העובדא א תלמיד פון זקינו הרה"ק מרן בעל עצי חיים זי"ע אז אמאל חנוכה האט ער זיך געשטעלט נאכן דאווענען צוזאמען לייגן די תפילין פון עצי חיים, האט אים דער עצי חיים געפרעגט צו ער האט געשפילט קוויטלער, ער האט נישט געענטפערט מחמת בושה, האט דער עצי חיים געזאגט, מיט די הענט וואס דו האסט געשפילט ווילסטו אנרירן מיינע תפילין. און דער רבי האט ארויסגעברענגט אז דער מנהג איז ווען מען גייט צו א ציון אז מען כאפט אן די מציבה, ווי קען מען מיט אזעלכע הענט וואס שפילן זיך מיט די טמא'נע כלים אנכאפן אזא הייליגן ציון.

נאך די לענגערע דברי התעוררות איז דער רבי שליט"א און באגלייטונג פון די הונדערטער בחורי הישיבות ובעלי בתים ואברכים ארויף צום אוהל הקדש זיך משתטח זיין על מקום מנו"ק פונעם בעל הילולא זי"ע ועכי"א.

דער רבי שליט"א האט קודם געזאגט די תפילה פון הייליגן ישמח משה זי"ע און דערנאך אנגעהויבן אמירת תהלים מיט א קול בכי, און דער ציבור האט מיטגעזאגט מיט גרויס התעוררות, נאך אמירת תהלים ולימוד משניות האט דער רבי שליט"א געליינט קוויטלעך א לענגערע צייט, און דאן זיך משתטח געווען אויפן הייליגן ציון און אויסגעבעטן אלעס גוטס להפקד בדבר ישועה ורחמים לנו לכל ישראל אמן.

## שמחת פדיון הבן בחצרות קדשינו

ארום 1:30 איז דער רבי שליט"א ערשינען אין ביהמ"ד אבני צדק אין שכונת עצי התמרים בקרית יואל צום שמחת פדיון הבן פון נינו הילד בן הר"ר מאיר יודא אשכנזי שליט"א בן הגה"צ ר' זלמן שליט"א רב דק' אויסטילא, וחתן הגה"צ ר' העניך שליט"א חדב"ן ורב הביהמ"ד.

דער רבי שליט"א האט זיך געוואשן און דאן איז פאהרגעקומען דער פדיון ווי הר"ר יואל הכהן גלאנץ שליט"א נכד מרן רבינו שליט"א חתן הגה"צ אב"ד ד'קהלתינו וויליאמסבורג שליט"א איז געווען דער כהן הפודה.

נאכ'ן פדיון האט מען סערווירט די סעודה ווי עס האט דאן אויפגעטרעטן דער זיידע הגה"צ ר' העניך שליט"א חדב"ן מיט דברי תורה לכבוד די שמחה, דערנאך האט אויפגעטרעטן דער אבי הבן הר"ר מאיר יודא שליט"א. און דאן האט דער עלטער זיידע מרן רבינו שליט"א משמיע געווען דברות קודש לכבוד די שמחה און זיך געשטעלט אויפן פסוק אין סוף פ' בא וכל בכור בני אפדה, און אויסגעטייטשט בדרך דרוש בענין שליחות ביי פדיון הבן.

מיט ברכהמ"ז איז מכובד געווארן דער זיידע הגה"צ ר' זלמן שליט"א, און דאן האט דער רבי שליט"א געזאגט די שבע ברכות לרגל די שבע ברכות פון בני המחותנים מוה"ר משה שמואל רובינפעלד הי"ו און מוה"ר יצחק קויפמאן הי"ו פון קרית יואל.

***-כי לי כל בכור בבני ישראל-***

דורכאויס דעם גאנצן טאג ביז הארט פאר'ן זמן כניסת השבת, האבן נאך טויזנטער אידן געשטראמט צום ציון הק' זיך אויסבעטן אלעס גוט'ס ביומא דהילולא, און דערביי געשטיצט די פולע מוסדות התורה און ארגענעזאציע'ס.

אזוי אויך האבן זיך אנגעזעהן צענדליגער באסעס פון אלע קעמפ'ס, קאנטרי'ס און אלע געגענטער, וואס האבן זיך געציילט צווישן די טויזנטער קאר'ס וועלכע האבן געפירט טויזנטער אידן צום אוהל הק' אין בית החיים אין קרית יואל.

א ספעציעל געניטע ארבעט האט ארפגעלייגט די פאבליק סעיפטי פון קרית יואל אונטער די אנפירערשאפט פון הרב משה לייב וויטריאל הי"ו מיט'ן קאנטרילירן די טראפיק ארום דעם גאנצן געגענט פון בית החיים און אזוי אויך די פארקינג ביים ביה"ח.

## בקודש פנימה

ערש"ק נאכמיטאג האט דער רבי שליט"א אריינגעשריבן אן אות לגומרה של תורה אינעם ספר תורה וועלכער איז אריינגעגעבן געווארן מוצש"ק העעל"ט אין היכל הישיבה גדולה אין קרית יואל לע"נ הב' יואל יודא לעווי ע"ה בהר"ר יוסף דוד שליט"א ווי ווייטער באריכטעט.

# שבת מברכין אלול בצל הקודש

ערש"ק ביי מנחה האט דער רבי שליט"א געדאווענט פאר'ן עמוד ווי יעדע וואך, און נאך מנחה האט דער רבי שליט"א געזאגט קדיש צו די יארצייט.

ליל שב"ק איז דער רבי שליט"א אריינגעקומען צום טיש אין היכל השלחנות ארום 15 מינוט נאכ'ן גוט שבת זאגן אינאיינעם מיט די תלמידי הישיבה און אויך אסאך געסט וועלכע האבן געווילט אויף שבת מברכין בצל הקודש אין קרית יואל.

מיט כל מקדש האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הרה"ג ר' נחום משה היימליך שליט"א ראה"כ בכולל למצויינים בירושלים עיה"ק, מיט מנוחה ושמחה האט דער רבי שליט"א מכבד געווען יעקב עסטרייכער הי"ו פון לאנדאן.

ביי די תורה האט דער רבי שליט"א זיך געשטעלט אויפן פסוק ראה אנכי נותן לפניכם היום ברכה און אויסגעטייטשט בדרך אגדה בענין שכר מצוה בעולם הזה.

מיט קה אכסוף האט דער רבי שליט"א מכבד געווען מוה"ר פסח ראטה הי"ו חבר הנהלת המוסדות פון בני ברק, מיט ברכת המזון האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הגה"צ ר' שמואל בראך שליט"א אב"ד נאנאש. מיט קה רבון עלם האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הר"ר יצחק מנחם הירש הי"ו פון ירושלים, עובדות וסיפורים האט דער רבי שליט"א ממשיך געווען צו דערציילן פון דודו מרן רביה"ק זי"ע בעל דברי יואל. מיט אז ביום השביעי האט דער רבי שליט"א מכבד געווען מוה"ר אברהם גאטעסמאן הי"ו פון לאנדאן.

שב"ק בייטאג נאכ'ן דאווענען איז פאהרגעקומען דער ברית לבן הנולד לר' יואל בר"א לעבאוויטש הי"ו פון וויליאמסבורג.

ארום 6:45 נאכמיטאג איז דער רבי שליט"א אריינגעקומען אין ביהמ"ד הגדול צו פרקי אבות ווי דער רבי שליט"א האט קודם געזאגט א שיינעם פשט אויף "כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא", דערנאך האט דער רבי שליט"א ממשיך געווען אין פרק ו' משנה ד', כך היא דרכה של תורה, און אויסגעטייטשט אויף כמה אופנים בדרך אגדה ומוסר, צום סוף האט דער רבי דערמאנט די געשעעניש וואס איז געווען די וואך, זאגנדיג אז דאס איז א רמז מן השמים אז ס'דארף זיין זוחלים ורועדים מיום בואך, און דער רבי האט דערמאנט דאס ווארט פון הפלאה אויף די גמרא נותנין לבתולה י"ב חודש, אז אין חודש אלול וואס איז מזל בתולה קען מען מתקן זיין אלע י"ב חדשים.

ביי די דברות קודש ביי סעודת רעווא דרעווין האט דער רבי שליט"א זיך געשטעלט אויפן פסוק ראה אנכי נותן לפניכם היום ברכה את הברכה אשר תשמעו, אויסגעטייטשט מיט די ווערטער פון הייליגן בעש"ט הק' זי"ע אז יעדן טאג קומט ארויס א בת קול וואס איז מעורר לתשובה, און דער רבי האט מאריך געווען בדברי מוסר לקראת ימי אלול הממשמשים ובאים אז מען זאל מרבה זיין מיט לימוד התורה און אמירת תהלים.

# הכנסת ספר תורה צום היכל ישיבה גדולה

מוצש"ק תיכף ווען דער רבי שליט"א איז אנגעקומען אהיים נאך הבדלה האט דער רבי שליט"א ארויסגעפירט דעם ספר תורה – וועלכע די תלמידי הישיב"ג האבן געלאזט שרייבן לע"נ חביריהם הב'

יואל יודא ע"ה בהר"ר יוסף דוד שליט"א לעווי - לרחובה של עיר, נאך געהויבענע ריקודין בחדר הקודש, ווי דער רבי שליט"א האט איבערגעגבן דעם ספר תורה פאר הר"ר יוסף דוד שליט"א, ווי דער תהלוכה האט ווייטער ממשיך געווען בתופים ובמחולות טראץ דעם שווערן רעגן וואס האט שוין אין די שעה'ן געבושעוועט אויף די גאסן פון קרית יואל.

נאך א לענגערע צייט פון פייערליכע ריקודין איז דער רבי שליט"א ערשינען צו די ריקודין בהיכל המתיבתא ווי דער רבי שליט"א האט א לענגערע צייט ארומגעטאנצן מיט'ן ספר תורה בהתלהבות עצומה, און דערנאך געזאגט לדוד מזמור פסוק ביי פסוק.

שפעטער האט דער רבי שליט"א פערזענדליך באשיינט דעם סעודת מצוה אין זאל פון אולם עקשטיין ווי דער רבי שליט"א האט געוואונטשן לחיים און משמיע געווען דברות קודש, ווי דער רבי שליט"א האט זיך געשטעלט אויפן פסוק ראה אנכי נותן לפניכם היום ברכה, און דער רבי האט ארומגערעדט אז דורך די כח התורה קען מען מהפך זיין די צירופי אותיות און משפיע זיין כל טוב פאר אידישע קינדער.

꧁•꧂

היינט – זונטאג אינדערפרי' האט מרן רבינו שליט"א געדאווענט שחרית אין ביהמ"ד הגדול אין קרית יואל, ווי דער רבי שליט"א האט געלייגט תפילין פאר הבחורים חתני הבר מצוה, הב' בן מוה"ר משה פרייזלער הי"ו פון בארא פארק, הב' בן מוה"ר אברהם יושע ווירצבערגער הי"ו פון וויליאמסבורג, הב' בן מוה"ר יוסף שאול בוכיגנער הי"ו פון קרית יואל, הב' בן מוה"ר יעקב שלום שטיינבערג הי"ו פון וויליאמסבורג, הב' בן מוה"ר יודא יושע ווינשטאק הי"ו פון קרית יואל, און הב' בן מוה"ר קלמן פילאפף הי"ו פון קרית יואל.

꧁•꧂

היינט נאכט וועט זיך אי"ה דער רבי שליט"א פערזענליך באטייליגן ביי מסיבה לטובת דעם וויכטיגן מוסד "רב טוב" וועלכע'ס קומט פאהר אין שטוב פון הרה"ח מוה"ר אברהם ווידער הי"ו ראה"ק וראש העיר ד'קרית יואל, אויף 2 פילמאר קט.

꧁•꧂

**דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער,**
**און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:**
**BechatsrosSatmar@Gmail.com**

**ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין**
**מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען**
**פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.**